יום כּיפּור איז נאָר א רעליגיעזער יום-טובֿ. פּורים איז נאָר אַ נאַציאָנאַלער. חנוכּה איז ביידע צוזאַמען - רעליגיעז צוליב דעם אָפּריייניקן פֿון בית המקדש און צוליבן קריגעלע אייל; און נאַציאָנאַל ווײַל די מכּבּייער האָבן אַרויסגעטריבן די סיריער פֿון יהודה און האָבן באַפֿרײַדט דאָס לאַנד. חנוכּה אַפּעלירט אויך צו קינדער צוליב די לאַטקעס, דריידלעך און וויכטיקער פֿאַר אַלץ - צוליב חנוכּה-געלט. איין טראַדיציע וואָס איז ליידער פֿאַרשוווּנדן גאָר לעצטנס איז דאָס קאָרטן-שפּילן אום חנוכּה. די רבנים פֿון אַמאָל האָבן געפּרוּווט אָפּשאַפֿן דעם מינהג, אָבער רב לוי יצחק פֿון בערדיטשעוו האָט פֿאַרטיידיקט די ייִדן, פֿאַר דעם וואָס זיי שפּילן קאָרטן אויף דעם דאָזיקן יום-טובֿ. ער האָט געזאָגט אַז ס'איז דערפֿאַר וואָס ייִדן ווילן זיך צוגעווינען צו זיצן ביז שפּעט אין דער נאַכט און אַזוי אַרום זאָלן לענגער קענען לערנען תּורה.

חנוכּה איז דער יום-טובֿ פֿון אויפֿשטאַנד. אין מאַרק פֿון מאָדיען אין יהודה וווּ מען האָט מתפּלל געווען, האָבן סירישע סאָלדאַטן אויפֿגעשטעלט אַן ~~אַלטאַר~~ מזבח. אַהין האָט מען געבראַכט אַלע מענער פֿון מאָדיען, און מען האָט געהייסן מתּיתיהון מקריב צו זיין אַ חזיר לכּבוד יופּיטער און אַנטיאָכסן. מתּיתיהו איז געבליבן שטיין אויף זײַן אָרט. אַ העלעניזירטער ייִד איז אַרויסגעגאַנגען פֿונעם המון און האָט געבעטן דערלויבעניש מקריב צו זיין די בהמה. די ייִדן האָבן געוווּסט וואָס צו דער-וואַרטן: די סאָלדאַטן וואָלטן זיי נאָך דעם געצוווּנגען צו עסן פֿונעם חזיר, און מען וואָלט דערמאָרדעט ~~דעם~~ אלץ וואָס וואָלטן זיך אָפּגעזאָגט. די ייִדן פֿון מאָדיען האָבן זיך צוגעקוקט צו דער צערעמאָניע מיט אַ פֿאַרביטערטער האַרץ און מיט פֿאַרצווייפֿ-לונג. פּלוצלונג האָט מתּיתיהו אַוועקגעכאַפּט אַ שווערד פֿון אַ סאָלדאַט און האָט געשטאָכן דעם פֿאַררעטער. ווען דער קאַפּיטען האָט אים געוואָלט אָפּשטעלן, האָט מתּיתיהו אים אויך דערהרגעט. דער אויפֿשטאַנד האָט זיך אָנגעהויבן.

"ווער עס איז מיט גאָט, זאָל ער קומען מיט מיר!" איז געווען דער אויפֿרוף פֿון די מכּבּייער. פֿאַרן ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פֿון דער וועלט איז אַ פֿאָלק אויפֿגעשטאַנען צו פֿאַרטיידיקן זײַן רעליגיע. דער אויפֿשטאַנד איז אויך געווען אַ פּאָליטישער. ווען נצחון איז געקומען, זײַנען די סיריער אַרויסגעטריבן געוואָרן פֿון יהודה און דאָס לאַנד איז געוואָרן פֿרײַ.

פֿאַר וואָס איז חנוכּה אַזאַ וויכטיקער יום-טובֿ? ווײַל חנוכּה איז דער סימבאָל פֿון ווידערשטאַנד - סײַ פֿיזישער, סײַ גײַסטיקער; און ווידערשטאַנד איז דער סימבאָל פֿון אַ ייִד. אַ ייִד איז ניט קיין מענטש וואָס גיט זיך אונטער, וואָס פֿאַרמאַכט די אויגן און מאַכט זיך ניט וויסנדיק. אַ ייִד איז אַ קעמפֿער, אַ קעמפֿער פֿאַר גלײַכע רעכט, פֿאַר זעלבסטווירדע, פֿאַר פֿרײַהייט, פֿאַר גערעכטיקייט. אַ ייִד דאַרף תּמיד קעמפֿן. ער טאָר ניט זיין גלייכגילטיק. אַ ייִד דאַרף רעאַגירן אויף דער קולטורעלער און עקאָנאָמישער אויסראָטונג פֿון זײַנע ברידער אין סאָוועט-רוסלאַנד. אַ ייִד דאַרף קעמפֿן אַז אַלע מענטשן, סײַ געלע, סײַ שוואַרצע סײַ ווײַסע זאָלן קענען לעבן בשלום איינעם מיטן אַנדערן.

דאָס לערנט אונדז דער יום-טובֿ חנוכּה, און וועגן דעם דאַרפֿן מיר טראַכטן

ווען מיר צינדן אָן די ליכט.